# יחודהל

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע״פ משנת הבעש״ט הק׳ ותלמידיו

פרשת פינחס תשפ״ד / גליון צ״ז



הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל״ט
ספה״ק **מאור עינים** (חיי שרה)

| יום | מד״ה |
|---|---|
| ראשון | וזהו ויהיו חיי |
| שני | וזהו שכתוב רפאות |
| שלישי | כמו שאמר הכתוב |
| רביעי | כלל העולה |
| חמישי | וכל זה על ידי עד ד״ה ואברהם זקן |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש׳ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624



קול דודי

0722 531 385

מערכת ״קול דודי״
א וועלט פון ליכטיגע חסיד׳ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אייראפע
033.0551.7811
אוצר פון וועכנטליכע ספעציעלע סעריע אויף
י״ג עיקרי האמונה
פון הרה״ח ר׳ דוד ארי׳ ראזנבערג שליט״א
דער אוצר פון אלע שיעורים 2 > 6


## חסיד׳יש גערעדט

### א חסידי׳שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# בין המצרים - ׳אור׳ אדער ׳חושך׳?

**איינמאל דו ווייסט דעם סוד - וואס עס ליגט אין יענעם פארשימלטן קאָרב - קענסטו זייער לייכט לייגן די הענט דערויף, עס איז ניטאמאל פארשפארט מיט א שלאס...**

עס איז באקאנט דער אור אלטער משל, פונעם גביר וועמען מען האט געטראפן זיצן אינעם לעצטן וואַגאָן פונעם באן - צוזאמען מיט אלע ארימעלייט... ער איז געווען אנגעטון מיט שמאטעס און א צוריסענעם רעקל, ווען אין דער האנט האלט ער א קאָרב מיט פארשימלטע פרוכט צו עסן...

״וואס גייט דא פאר?״, איז יאנקל צוגעשטאנען צום גביר, ״דו דארפסט דאך זיצן אינעם ערשטן קלאס? און פארוואס האסטו זיך פארשטעלט ווי אן ארימאן מיט אזעלכע אפגעריסענע בגדים?!״.

ווען דער גביר האט איינגעזען אז ער וועט נישט אזוי שנעל פטור ווערן פון יאנקל מיט זיין שאלות, האט ער - מיט דער פינגער אויפן מויל, אלס סימן צו שווייגן - אביסל אוועקגערוקט די פארשימלטע עפל אין א זייט, און אונטער דעם האט זיך באוויזן טויזנטער ׳הונדערט דאלערדיגע באנקנאטן׳... יאנקל האט נאכאלץ נישט געכאפט, ביז דער גביר האט אים מסביר געווען: ״נאר אויף דעם אופן קען מען דא דורכפירן אזעלכע סכומים געלט...״.

## אויב די אויגן זענען פארמאכט, נו אודאי איז טונקל...

א מענטש קען צומישט ווערן פון די איצטיגע טעג. פון איין זייט, זענען זיי טונקעלע און פינסטערע טעג, עס הערשט א חורבן און א גלות, א ווייטאג און צער. קומען צדיקים און זאגן: ניין, דא ליגט באהאלטן א געוואלדיגער אור. און דער מענטש איז אינגאנצן צו׳חוש׳ט: ״חושך אדער אור? ווייטאג אדער פרייד? און אויב איז עס טאקע אזוי ליכטיג, נו, פארוואס שפירט זיך אזא כבידות און טונקלקייט?״.

אלזא לאמיר עפענען א ׳רבה אמונתך׳ (תמוז-אב, י״ד - ט״ז) און זען וויאזוי רביה״ק זי״ע רעדט אויף דער סוגיא. **״מַּגִּיעִים עַכְשָׁו יְמֵי הַמְּצָרִים, יְמֵי הַחֹשֶׁךְ, אָמְנָם בְּתוֹכָם גָּנוּז אוֹר גָּדוֹל, כַּאֲשֶׁר מַאֲרִיךְ בָּזֶה בספה״ק ׳עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל׳ בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת. וְתַכְלִית הָעֲבוֹדָה לַעֲשׂוֹת מֵחֹשֶׁךְ אוֹר, לְגַלּוֹת הָאוֹר הַמֻּטְמָן וְהַגָּנוּז... מוּבָא בַּסְּפָרִים שֶׁדַּוְקָא בִּזְמַנִּים כָּאֵלּוּ אִם מִתְגַּבְּרִים בַּעֲבוֹדַת ה׳, יְכוֹלִים לְהַפֵּךְ הַזְּמַנִּים לְאוֹר גָּדוֹל, וְלִזְכּוֹת לְהִתְקָרְבוּת אֶל ה׳ יוֹתֵר מִבִּזְמַנִּים אֲחֵרִים, וְלָכֵן צְרִיכִים לְהִתְחַזֵּק בַּעֲבוֹדַת ה׳ בְּיֶתֶר שְׂאֵת״.** ריכטיג טאקע אז דאס זענען טונקעלע טעג, אבער אויב וועסטו זיך אנשטרענגען און זיך מחזק זיין - וועסטו טרעפן א גרויסן אור! דוקא אין די דאזיגע וואכן קען מען זוכה זיין צו א ספעציעלן אור - וואס מען קען נישט זוכה זיין געווענליך, אבער מען מוז זיך אנשטרענגען דערפאר.

פרעגט א מענטש: אויב איז דאס א צייט פון חושך, פון שפלות און הסתרה - ווי קען זיין אז דא באהאלט זיך גאר דער אור?

איז דער רבי מסביר: **״כִּי בֶּאֱמֶת ׳אֲנִי ה׳ לֹא שָׁנִיתִי׳! רַק הָעֵינַיִם הֵם סְתוּמִים מֵרֹב הַגֶּשֶׁם וְהַחֹמֶר, וְאֵין רוֹאִים אוֹר בָּהִיר בַּשְּׁחָקִים. וְעַל זֶה אָמַר דָּוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה ׳גַּל עֵינַי וְאַבִּיטָה נִפְלָאוֹת׳ שֶׁצָּרִיךְ לִרְאוֹת דְּבָרִים כַּהֲוָיָתָן, לְאַפּוּקֵי מִמַּה שֶּׁכָּתוּב ׳הוֹי הָאֹמְרִים לָרַע טוֹב וְלַטּוֹב רָע׳. וְעַל זֶה מִתְפַּלְּלִים ׳הוֹרֵנִי ה׳ דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ׳, לִזְכּוֹת לִרְאוֹת וּלְהַרְגִּישׁ הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, וְעַל זֶה נֶאֱמַר ׳בַּאֲמִתֶּךָ׳ - הָאֱמֶת שֶׁל הקב״ה, וְלֹא הָאֱמֶת שֶׁל בָּשָׂר וָדָם שֶׁמְּהַפֵּךְ אוֹר לְחֹשֶׁךְ וֶאֱמֶת לְשֶׁקֶר״.**

אויב פאלן מיר אריין אין א טונקלקייט - איז דאס בלויז פון אונזער זייט. אבער מצד דעם אויבערשטן איז נישט שייך אזא זאך ווי פינסטערניש; ווי דער פסוק זאגט: ״אני ה׳ לא שניתי״. אויב קוקט אונז אויס ווי אלעס איז טונקל און אז היינטיגע צייטן קען מען שוין נישט זוכה זיין אנצוקומען צו די העכסטע דרגות אין עבודת ה׳, און אז מען קען שוין נישט זוכה זיין צו לעבן מיטן אייבערשטן מיט א לעבעדיגן און אפענעם חיבור - איז דאס בלויז וויבאלד אונזערע אויגן זענען פארמאכט און מיר זעען נישט דעם אמת, אבער נישט וויבאלד עס איז עכט טונקל. פארקערט, מצד דעם אייבערשטן איז נישטא קיין שום שינוי! אין יעדן מצב איז דא א ליכטיגער אור! מען דארף פשוט אראפנעמען די שמאטע פון די אויגן, מען דארף שטיין און זיך בעטן: ״גל עיני ואביטה״, ״אהלך באמתך״. מען דארף זיך אנשטרענגען צו זען דעם אמת - אויך דא.

## פארוואס פונקט אונטער די שימל?

נאכאלץ פרעגט א מענטש: צו וואס דארף מען האבן דעם שמאטע אויף די אויגן? פארוואס זעען מיר פארנט פון אונז א מצב פון גלות, חורבן און ווייטאג? איז דער רבי מסביר: **״וְיֵשׁ לְבָאֵר הָעִנְיָן, בְּדֶרֶךְ מָשָׁל לְמֶלֶךְ שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֶבֶן יְקָרָה וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יִגְנְבוּהוּ מִמֶּנּוּ, לָכֵן הֲרֵי הוּא מַטְמִינוֹ בְּתוֹךְ הָאַשְׁפָּה, כִּי שָׁם לֹא יַעֲלֶה עַל דַּעַת אָדָם לְחַפְּשָׂהּ שָׁם. כְּמוֹ כֵן יָמִים אֵלּוּ הֲגַם שֶׁהֵם הַיָּמִים הַנְּמוּכִים בְּיוֹתֵר, גָּנְזוּ בָּהֶם מִן הַשָּׁמַיִם אוֹר גָּדוֹל מְאוֹד״.**

פלוצלינג טוישט זיך אונזער גאנצע קוק אויפן חשכות פון גלות. עס קוקט אונז אויס ווי סתם שימל, אבער אינ׳אמת׳ן איז דאס דא בלויז פארן ציל פון באהאלטן א ספעציעלן אור. אויב וועסטו פארהאקט אין א געפערליכע שוועריקייט, אין א געדיכטן דיקן נעפל - זאלסטו וויסן אז דאס איז נישט מער ווי אן אנשטעל! פארקערט, דוקא דא קענסטו זוכה זיין צו נאך א גרעסערע קרבת ה׳! לערן זיך פונעם גביר, אז דאס איז דער וועג וויאזוי מען טראגט דורך די גרויסע סכומים. אויב וואלט ער נישט געטראגן אזא סכום - וואלט ער אודאי

> דו דארפסט דאך זיצן אינעם ערשטן קלאס? און פארוואס האסטו זיך פארשטעלט ווי אן ארימאן מיט אזעלכע אפגעריסענע בגדים?

געגאנגען אנגעטון ווי א גביר און געזעסן אינעם ערשטן קלאס! אבער יעצט, איינמאל דו ווייסט דעם סוד - וואס עס ליגט אין יענעם פארשימלטן קארב - קענסטו זייער לייכט לייגן די הענט דערויף, עס איז ניטאמאל פארשפארט מיט א שלאס... און טאקע דאס וויל דער אייבערשטער, אז דו זאלסט זיך נישט לאזן נארן, נאר האבן דעם ריכטיגן בליק און באקומען די גרויסע מתנות פון די טעג.

אביסל קלארער: וואס איז טאקע דער גרויסער אור - וועלכער באהאלט זיך אונטער די בערג פון שימל און פינסטערקייט - צו וואס מען קען לייכט זוכה זיין אין די טעג? איז דער רבי מסביר: **״וְעִנְיַן הָאוֹר הַזֶּה הוּא כְּדִכְתִיב בְּדִבְרֵי הַנָּבִיא ׳צוֹם הָרְבִיעִי וְצוֹם הַחֲמִישִׁי וְצוֹם הַשְּׁבִיעִי וְצוֹם הָעֲשִׂירִי יִהְיֶה לְבֵית יְהוּדָה לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה וּלְמֹעֲדִים טוֹבִים׳, הֲרֵי שֶׁבֶּאֱמֶת יִתְהַפְּכוּ תַּעֲנִיּוֹת אֵלּוּ לְיָמִים טוֹבִים, וְלָכֵן גַּם לְעֵת עַתָּה כְּבָר יֵשׁ בָּהֶם בְּכֹחַ אוֹר גָּדוֹל שֶׁל הַיָּמִים טוֹבִים הַקְּדוֹשִׁים הָהֵם, אֶלָּא שֶׁהַדָּבָר מְכֻסֶּה מֵאִתָּנוּ בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים״.**

קומט אויס, אז דער אור פונעם גלות איז דער אור פון דער גאולה! מען רעדט דא פונעם גילוי אור ה׳ אויפן גרעסטן און שטארקסטן אופן! די טרויעריגע טעג זענען אן אויסערליכן צודעק צום ׳חג הגאולה׳, וועלכע איז שוין יעצט דא ׳בכח׳! נישט פשט, אז נאכן גלות וועט אנקומען דער ׳אור הגאולה׳ און דעמאלט וועט מען אנהייבן צו פייערן א גאולה, ניין, מען פייערט שוין יעצט די גאולה! נאר יעצט קען מען עס נאכנישט פייערן עפנטליך מיט מוזיק

המשך אין עמוד ב

# די עבודה פון 'קידוש'

## וואספארא עבודה ליגט אין קידוש אויסער די פשוט'ע באדייט פון 'זכירת שבת', וואס חסידים האבן דעריבער ארייגעלייגט אזא גרויסע עבודה דערין?

**אברהם יצחק:** א גוטן, משפיע לעבן.

**משפיע:** אה, אברהם יצחק איז דא! וואס גייט היינט זיין אונזער שמועס?

**אברהם יצחק:** דער משפיע ווייסט בעסער פון מיר, זאל דער משפיע אויסקליבן א נושא, איך וואלט געוואלט ווייטער עפעס פון שבת.

**משפיע:** מיר האבן שוין אנגערירט 'קידוש'?

**אברהם יצחק:** גראדע נישט, ס'וואלט מיר געווען גראדע אינטערעסאנט צו רעדן דערוועגן...

**משפיע:** איז אוודאי גוט. אבער לאמיר דיר פרעגן, וואס ווייסטו אויף 'קידוש'?

> קידוש איז אסאך מער ווי סתם א דערמאנונג פארן מענטש. ס'איז אן עדות'שאפט. אן עדות'שאפט מיינט אז ס'פעלט אויס, ס'טוט עפעס אויף.

### אויב טראכסטו אזוי, שטייען מיר גוט...

**אברהם יצחק:** מיינסט צו פרעגן וואס מיינט קידוש ביי מיר? גאנץ פשוט. ביי כניסת השבת איז דא א מצוה צו מקדש זיין דעם שבת, מ'לערנט עס פון פסוק "זכור את יום השבת לקדשו" ווי מ'זאגט אין 'לשם יחוד' פאר קידוש.

**משפיע:** קענסטו מיר מער מסביר זיין די ווערטער וואס דו האסט יעצט געזאגט? וואס מיינט 'מ'איז מקדש שבת'?

**אברהם יצחק:** מקדש זיין שבת מיינט אז מ'צייכנט אפ אז יעצט איז שבת און מ'דארף רוען. דעמאלטס איז די צייט ווען מ'איז 'מבדיל בין חול לקודש', מיר רופן אויס אז פון יעצט און ווייטער איז א טאג וואס איז 'מקודש' פארן אויבערשטן. מיט דעם איז מען מקדש דעם שבת. דאס איז די מצוה פון 'זכור', געדענקען צו מקדש זיין דעם שבת גלייך ווען ס'קומט אריין.

**משפיע:** גאלדענע דיבורים, זאגסט דאך אזוי גוט. גייסטו טאקע צו צום שבת מיט אזעלכע מחשבות? אויב יא שטייען מיר גוט...

**אברהם יצחק:** נישט פונקט... כ'האב זיך קלאר געמאכט דעם ענטפער בשעת'ן רעדן... אבער ס'איז נישט ריכטיג? דאס איז קידוש, ניין?

**משפיע:** זיכער איז עס ריכטיג, זאגסט זייער גוט! כ'האב פשוט הנאה פון דיין קלארקייט, און דערפאר וויל איך זיך דא אפשטעלן. ווייל אויב איז דאס דיין צוגאנג צו קידוש, האלטן מיר אויף א וועג. דאס איז די פשטות'דיגע הבנה פון קידוש, און ווען מ'טוט א מצוה בשעת מ'האלט קאפ וואס מ'טוט, באקומט עס אן אנדער משמעות.

**אברהם יצחק:** אבער כ'שטעל זיך פאר אז דער משפיע וויל ארייננקריכן טיפער אינעם ענין פון קידוש.

**משפיע:** וואס עפעס, ווער זאגט אז כ'וויל גיין טיפער? כ'האב געוואלט וויסן וואס דו ווייסט אויף קידוש, און צי דו האסט די ריכטיגע צוגאנג צו קידוש. ביסט דורך דעם פארהער מיט הצלחה ב"ה...

**אברהם יצחק:** אבער כ'רעד זיך נישט איין אז קידוש שטעלט זיך דא אפ... פון דעם 'טראסק' וואס מ'מאכט ארום דעם, פארשטיי איך אז ס'ליגט א טיפקייט דערין.

### עדות פאר וועמען?

**משפיע:** קוק אן, דיין בליק אויף קידוש איז ריכטיג, אבער נאך אלץ ביסטו נאר פארנומען מיט זיך. שטייט זיך א אידעלע ביי כניסת השבת, ער דערמאנט זיך אז פון יעצט אן קומט אריין דער שבת, אלע הלכות פון שבת זענען חל אויף אים און ער טאר נישט טון קיין מלאכות. ס'איז ריכטיג, אבער דער אמת איז אז חז"ל טוען אונז מערערע מאל אנטפלעקן אז קידוש איז פיל מער ווי דעם! אלע ספרים הק' ובפרט זוהר הק' זאגן, אז קידוש הייסט אן עדות ווען א מענטש איז מעיד אז השי"ת האט באשאפן די וועלט. חז"ל זאגן (שבת קיט:), אז מיטן זאגן קידוש ווערט מען א 'שותף' מיט השי"ת אין מעשה בראשית.

דאס דערציילט אונז אז קידוש איז אסאך מער ווי סתם א דערמאנונג פארן מענטש. ס'איז אן עדות'שאפט. אן עדות'שאפט מיינט אז ס'פעלט אויס, ס'טוט עפעס אויף. דערצו אויב דער מקדש ווערט א 'שותף' מיט די גאנצע בריאה, זעט מען נאכמער ווי אונזער קידוש טוט אפ אזעלכע גרויסע פעולות אין די בריאה. פון דעם זעט מען אז קידוש איז עפעס זייער הויעך, אסאך מער ווי די פשוט'ע משמעות.

**אברהם יצחק:** גערעכט, אויך אין הלכה ווערט געברענגט אז מ'דארף שטיין בשעת מ'זאגט קידוש, פונקט ווי אן עֵד דארף שטיין ביים זאגן עדות. אבער וואס מיינט די עדות'שאפט? ס'איז עפעס א דין תורה וואס מ'דארף עדים...?

**משפיע:** פרעגסט די שאלה וואס כ'האב געוואלט צענעמען. לאמיר מער מסביר זיין די שאלה: געווענליך טרעפט מען זיך אן מיט דעם מושג פון 'עדות' ביי א פאל וואו ס'איז דא א ספק, מ'ווייסט נישט וואס אדער ווער ס'האט עפעס געטון, און כדי פעסט צו שטעלן וואס דא האט פאסירט, דארפן קומען צוויי מענטשן וואס קענען זיך אויס אין די פרטי הדברים און עדות זאגן דערויף. הייסט אז די ציל פון עדות איז אויסצוקלארן א ספק און מגלה זיין וואס מ'ווייסט נישט. מ'דארף נישט קיין עדות אז יעצט איז טאג, ווייל כאפ א בליק אינדרויסן וועסטו עס אליינס זען. אויב אזוי ווערט שווער: וואס פעלט אויס צו מעיד זיין אז השי"ת האט באשאפן שמים וארץ? מילא ווען מ'גייט צו די גוים און אפיקורסים און מ'הייבט זיי עס אן אויפצוקלערן, אבער זיך געפינען אליין אינדערהיים און זאגן עדות בשעת קיינער הערט נישט און מ'איז נאך יוצא די מצוה בהידור - וואס איז פשט דערפון?!

**אברהם יצחק:** איז דאך שווער...?

### דעם מענטש'ס גאנצע מציאות דארף שרייען 'קידוש'

**משפיע:** דערביי גייען מיר אריין אין פנימיות פון קידוש. אבער קודם לאמיר אביסל ארייננטראכטן אינעם אויבערשטנ'ס בריאה: יעדער נברא וואס מ'זעט טוט אייגנטליך מעיד זיין אז ס'איז דא א באשעפער וואס האט אים באשאפן, ווייל עס וואלט זיך דאך נישט געקענט אליינס באשאפן. ספעציעל א מענטש אויף וועמען ס'שטייט 'מבשרי אחזה אלוק'. ווען א מענטש טוט זיך אליינס באטראכטן, דערזעהט ער און אנערקענט אז ס'איז פארהאן א בורא וואס האט אים באשאפן און איז אים נאכאנאנד מחיה. נאכן דאס מכיר זיין פארשטייט מען אליינס, אז דער בורא האט זיכער א געוויסער ציל מיטן אונז באשאפן, און דער ציל איז צו מגלה זיין כבודו ית' אין די וועלט, ווי דעם לשון המשנה 'כל מה שברא הקב"ה בעולמו, לא בראו אלא לכבודו'. דאס איז דער תכלית פון יעדן נברא.

**אברהם יצחק:** יעדער נברא איז אן 'עד' פארן בורא, און ווי נאר א מענטש לעבט מיט דער הכרה, הייבט ער אן צו ערפילן זיין תכלית. ריכטיג?

### חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

און טענץ, נאר מיט פאסטן און קלאגן, אבער אין הארץ מעג שוין יעצט פייערן א שמחה און א ליכטיגקייט פון גאולה! ווייל דוקא אינעם 'הסתרה שבתוך ההסתרה', דארט געפונט זיך דער גרעסטער אור פון יחוד ה' - אור הגאולה.

אין א זעלטענעם שריט, ערלויבט זיך דער רבי אויסצודרוקן ברמז עטוואס פון וואס ער האט אליינס מיטגעלעבט. **"וּמֵחֲמַת הַקְּדֻשָּׁה הַגְּדוֹלָה הַגְּנוּזָה בָּהֶם, יוּכַל הַמִּתְבּוֹנֵן לְהַבְחִין בְּעַצְמוֹ כִּי הַתְּפִלּוֹת הָאֵלּוּ שֶׁל שְׁלֹשֶׁת הַשָּׁבוּעוֹת אֵין כְּעֶרְכָּם בְּכָל הַשָּׁנָה. וְזֶהוּ לְפִי שֶׁבְּכֹחַ יֵשׁ אוֹר גָּדוֹל בַּיָּמִים הָאֵלּוּ, וְלָכֵן בְּיוֹתֵר אֶפְשָׁר לְהַרְגִּישׁ בּוֹ הִתְעוֹרְרוּת בְּעֵת הַתְּפִלָּה בִּשְׁלֹשֶׁת הַשָּׁבוּעוֹת הָאֵלּוּ. וְכֵן רָאִינוּ בְּכָל הַשָּׁנִים, כִּי מִי שֶׁנִּתְאַמֵּץ בִּתְפִלָּה בְּיָמִים אֵלּוּ, זָכָה לְהַרְגִּישׁ הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל בְּעֵת הַתְּפִלָּה עוֹד יוֹתֵר מִבְּכָל יְמוֹת הַשָּׁנָה. כִּי הַיָּמִים אֵלּוּ הֵם נְמוּכִים וּשְׁפֵלִים בְּיוֹתֵר, אַךְ כְּשֶׁמִּתְיַגְּעִים בִּתְפִלָּה מְרִימִים אֶת הַיָּמִים מִשִּׁפְלוּתָם"**. פון דעם רבי'נס ווערטער זעען מיר, אז דער עיקר עבודה פון די 'ימי בין המצרים' איז ביים דאווענען, ווייל אפילו אויב במשך פונעם טאג איז זיך דער הסתר מתגבר - שיינט אבער א ליכטיגקייט ביים דאווענען - מער ווי א גאנץ יאר! ווייל ביי די דריי וואכן, שיינט דער 'אור הגאולה'! מען קען דעמאלט זוכה זיין צו אן אמת'דיגן קרבת ה'! ווייל דעמאלט קומט ארויס די אמת'דיגקייט פונעם אויבערשטן אויפן שטארקסטן אופן.

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הנכבד הרה"ח ר' יואל וויינבערגער שליט"א, מאנסי
לרגל שמחתו בהולדת בנו למז"ט
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנו ומכל יוצ"ח רוב נחת דקדושה

**משפיע:** זייער ריכטיג. אבער השי"ת האט אונז געשטעלט אין א מצב פון הסתרה וואו די נבראים פארשטייען דאס נישט. אנשטאט ער זאל כאפן זיין אמת'ע מציאות, ווארפט ער זיך אריין אין חיים גשמיים, פארגעסנדיג זיין גאנצע תכלית אין לעבן. פארקערט, זיין גאנצע קאפ און הארץ איז פארנומען נאר מיט זיין אייגענע מציאות, און אז די גאנצע בריאה ארום אים זאל זאגן 'עדות' אויף אים... זיינע אלע מעשים דריקן נאר אויס זיין אייגענע מציאות, און נישט די מציאות הבורא.

**אברהם יצחק:** ממש א שרעק!

**משפיע:** אבער דא קומט א מתנה וואס הייסט: שבת און מצות קידוש. ווען א מענטש שטעלט זיך מאכן קידוש, איז ער מעיד אז השי"ת האט באשאפן אים און די גאנצע וועלט, ס'איז נישטא קיין שום אנדערע מציאות אויסער השי"ת. איינמאל א וואך שטעלט מען זיך אפ, און מ'ווערט צוריק אן 'עד' אז ס'איז דא א בורא. די מצוה פון קידוש איז נישט נאר מיטן מויל, ארויסזאגן אז ס'איז דא א בורא עולם, נאר די מצוה פארלאנגט אז דער גאנצער מענטש זאל פארוואנדלט ווערן אלס אן עֵד פארן אויבערשטן; זיין גאנצע מציאות זאל אויסדריקן מציאות ה', און זיינע אלע מעשים און רצונות זאלן אויסדריקן דעם איין אמת'ן מציאות וואס איז דא אין די וועלט. אזוי איז די ריכטיגע צורה פון קידוש.

**אברהם יצחק:** הייסט עס אז קידוש איז א גאנצע 'עבודה', נישט נאר זאגן אפאר פסוקים...

**משפיע:** אוודאי. דעם מענטשנ'ס גאנצע וועזן דארף שרייען ביי קידוש. מיטן מאכן א קידוש וואס טוט אינגאנצן אפפרעגן דעם מהלך וויאזוי מ'לעבט א גאנצע וואך, מאכט מען א 'מסירת מודעה' אז די גאנצע גשמיות'דיגע צורה האט נישט קיין שום האפט און אצינד בויעט מען זיך א נייע מציאות, א מציאות פון א בריאה וואס איז אינגאנצן בטל צום אויבערשטן.

צוליב דעם האבן חסידים אריינגעלייגט א גרויסע עבודה אין קידוש און זיך לאנג מכין געווען דערויף. ווי אויך פלעגן חסידים לייגן געוויכט צו זיין ביי זייער רבי'ן בשעת קידוש און זיך אזוי אנשליסן מיטן רבינ'ס קידוש, און זיך אנשעפן מיט די הארה וואס ווערט ביי קידוש.

## תשובה פאר קידוש – טייל פון קידוש

**אברהם יצחק:** יעצט פארשטיי איך פארוואס ס'שטייט אין די פוסקים אז פאר קידוש דארף מען תשובה טון, כדי צו זיין כשר לעדות!

**משפיע:** יא, און נישט סתם א תשובה! ווייל די תשובה איז נישט נאר צו זיין כשר צו דינען אלס עד, נאר דער גאנצער מציאות פון דעם עדות'שאפט פאדערט תשובה, ווייל ווען א מענטש באגייט סיי וועלכע פעולה וואס איז אקעגן רצון ה', איז ער דאך מעיד פארקערט פון דעם אמת אז השי"ת איז דער אמת'ער בורא רח"ל. דעריבער ביי קידוש ווען מ'איז מהרהר בתשובה, איז מען מגלה אז מיין רצון איז צו זיין א מציאות וואס איז מעיד אויפן בורא. דערפאר פארגעבט מען אים אויף אלע עבירות, ווייל ער איז באמת געווארן א נייער בריה!

**אברהם יצחק:** פיין, פארשטייען מיר פארוואס קידוש איז אן 'עדות' אויף מעשה בראשית. און וואס איז פשט פונעם מאמר חז"ל אז מיטן זאגן קידוש ווערט מען א 'שותף' מיט מעשה בראשית?

**משפיע:** זייער פשוט. די פינטל פון די בריאה, איז דער מענטש. און אויב לעבט ער נישט ווי ס'דארף צו זיין, לעבט נישט די גאנצע בריאה מיט איר ריכטיגן ציל פון מגלה זיין אלקותו ית' אין זיך. אלע נבראים ווערט נאכגעשלעפט לויט ווי דער מענטש באציעט זיך צו זיי, און ווילאנג א מענטש באטראכט די בריאה אלס אן אייגענע מציאות, טוט ער עס ווירקליך מלביש זיין מיט הסתרות וואס פארדעקן דעם מציאות אלקית אין די בריאה.

אבער ווען דער קידוש זעט אויס ווי ס'דארף צו זיין, ווען דער מענטש כאפט דעם אמת אז די גאנצע בריאה דריקט אויס מציאות ה', ברענגט ער א פרישע חיות אין די גאנצע בריאה, ער איז עס מקשר לשורשה. דאס וואס א מענטש נעמט זיך לעבן אן אמת'ער לעבן ווי ס'ווערט אויסגעדריקט כבוד ה' אין זיין יעדע פעולה, דאס אליינס דערהייבט די גאנצע בריאה מיט זיך, ס'ברענגט א פרישע חיות אלקות. אויב אזוי איז ער אויסדריקליך א שותף אין מעשה בראשית! ערפילנדיג דעם חלק פונעם שותפות וואס דער אויבערשטער האט איבער געגעבן אין אונזער האנט און בחירה, אז אונז נבראים דא אונטן ווילן אויך מכיר זיין אז 'אין עוד מלבדו', וואס מיט דעם איז ער מחדש די בריאה מיט א חיות וואס ברענגט עס נענטער צו איר אמת'ע תכלית!

**אברהם יצחק:** פששי... א נייע דערהער אין קידוש. לאמיר האפן אז מ'וועט טאקע צוגיין צו קידוש מיט אזא ליכטיגע בליק!

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**ווען נישט דעם שבת קודש וואלטן אידן זיך נישט געקענט האלטן אין גלות צווישן די פעלקער אפילו א קליין צייט.**

הרה"ק המאור עינים זי"ע (מאור עינים, דברים)

# וואס איז יעצט די עבודה?

נאך ווען פייוויש האט ארויסגעקוקט פון פענסטער און דערקענט ווי צוויי אורחי-פורחי'ס דערנענטערן זיך צו זיין גאסט-הויז, האט עס אים גארנישט געשמעקט.

"וואס זוכן אזעלכע ארעמעלייט אין מיין גאסט-הויז?", טראכט ער גערעגטערהייט, "ס'איז שוין גארנישט פארבליבן קיין פלאץ אין 'הקדש-צימער', אז זיי קומען מיר אהער צו אויסצאפן מיין לעצטע פרוטה?". זיין פאנטאזיע משל'ט אים אויס א בילד, ווי די צוויי אביונים ערלעדיגן א גאנצע סעודה, ווען צום שלוס הייבן זיי העגט מיטן אויסרייד אז זיי האבן נישט קיין געלט צו צאלן... פייוויש פלאקערט פון כעס.

ווען פייוויש וואלט נאר געהאט אויגן וואס זעען, וואלט ער געקענט אויפכאפן אז הינטער די פארלאטעטע שמאטעס שיינט אן עמודא דנהורא עד לב השמים. דאס זענען די צוויי הייליגע ברידער, דער רבי ר' אלימלך און דער רבי ר' זושא, אין איינע פון זייערע בארימטע 'גלות וואנדערונגען' וואס זיי האבן אפגעראכטן לטובת כלל ישראל, ווי באקאנט פון צדיקים.

אבער פייוויש איז זייער ווייט פון אזעלכע השגות, לײדער. ער פארשטייט אין געבראטענע קארטאפל, שמאלציגע פלייש און ברענענדיגע וואדקע, און ווי דאס אלעס ברענגט אים א שיינע הכנסה. מער נישט.

די הייליגע ברידער קושן די מזוזה, קומען אריין צום גאסטהויז, און זעצן זיך ביי איינע פון די טישן.

געציילטע מינוטן זענען פארביי, און די דינסט קומט אריין און מעלדט אז א זילבערנע לעפל איז נארוואס פארשוואונדן געווארן. מער האט נישט אויסגעפעלט. דער שוין-דערצערנטער פייוויש לויפט צו צום פָאר ביים טיש. ער ווייסט פונקטליך וועמענ'ס הענט האבן זיך ארויפגעקלעבט אויף זיין לעפל.

"נידערטרעכטיגע גנבים! איר זענט אהערגעקומען מיר צו בא'גנב'ענען? געבט מיר זאפארט צוריק דעם זילבערנעם לעפל וואס איר האט גע'לקח'נט!", שרייט ער מיט קולי-קולות.

ווען זיין בייזע פארלאנג איז נישט ערפילט געווארן, האט פייוויש נישט געטראכט צוויי מאל. ער בינדט צוזאם די צוויי 'גנבים' און לאזט רופן די ארטיגע פאליציי.

גאנץ שנעל האבן זיך די צוויי צדיקים געטראפן אין די הענט פון די שטאטישע וועכטער, וואס האבן זיי אנגעכאפט אויף צו פירן אינעם ארטיגן תפיסה. שכינתא בגלותא.

די ברידער ווערן געפירט צום לאך, בשעת זייער פנים שטראלט פון שמחה. א קלייניגקייט? ליידן יסורים און שמאכטן אין טורמע, אבי זייער ציל פון מכפר זיין אויף כלל ישראל ווערט ערפילט!

אבער ווי די טיר פון תפיסה עפנט זיך פאר זיי, האט זיך ארויסגעוויזן די צרה וואס האט זיי באטראפן.

א שרעקליכע גערוך נעמט זיי אויף. זיי קוקן צו און זען אן אויפגעדעקטע אפפאל-שיסל פונקט אינמיטן צימער. דאס איז שוין אן אמת'ע צרה: מ'טאר דא נישט טראכטן דברי תורה! אוי ווײ, וואס טוט מען?

די דיקע טיר פארהאקט זיך הינטער די הייליגע ברידער. דער רבי ר' מיילעך קערט צו זיין הייליגער ברודער מיט א פראגע: "וואס טוט מען דא? וויאזוי טרעפט מען דא דעם אויבערשטן?". דאס איז זיכער אז 'אין עוד מלבדו', 'לית אתר פנוי מיניה', אויך דא געפונט זיך דער אויבערשטער. די שאלה איז נאר וויאזוי מ'איז אים מגלה אין אזא פינסטערע הסתרה, וואו מ'קען ניטאמאל מהרהר זיין דברי תורה?

דער רבי ר' זושא טראכט נישט קיין סאך. ער ווענדט זיך צו זיין הייליגער ברודער: "ברודער! דאס אליינס! דאס אליינס אז מ'קען דא נישט טראכטן קיין דברי תורה! השי"ת האט אונז באפוילן נישט צו מהרהר זיין דא קיין דברי תורה!".

די פנימ'ער פוןביידע קדושים לייכטן אויף. זיי זענען מקיים דעם אויבערשטנ'ס באפעל נישט צו טראכטן דברי תורה! איז דען פארהאן א גרעסערע זכיה ווי דעם?

זייער שמחה גיסט איבער. די ברידער כאפן זיך אן ביי די הענט, און נעמען זיך הילכיג טאנצן ארום דעם פארשמעקטן שיסל וואס ערלויבט זיי צו מקיים זיין דעם רצון ה'.

די אלט-געזעצענע ארעסטאנטן קוקן צו דעם מאדנעם אידישן פאר. די אומגעוועגליכע סצענע דערלייכט א דינעם שיין אין זייער טונקעלע לעבן. אלע שליסן זיך אן אינעם פייערליכן טאנץ. ביז אפאר מינוט, איז די אומעטיגע תפיסה איבערגעדרייט געווארן אין א לעבעדיגע חתונה-זאל...

די פרייליכע געשרייען דערגרייכן די אויערן פונעם וועכטער. ער לויפט צו צום צעל אויסצוגעפינען פשט פון די פלוצלונגדיגע שמחה.

"יענץ", צייגט אים א גוי'אישער ארעסטאנט אויפן פארשמירטן שיסל אינמיטן צימער, ארום וואס די הייליגע צדיקים האבן געטאנצט פאר'דביקות'ט, "דאס מאכט אונז פריילּיך!".

דער געראגטער שומר האט נישט פרובירט ארויסצוהאבן וויאזוי א פאר'ריח'טע אפפאל-שיסל קען פארשאפן שמחה. ער כאפט בייזערהייט אן דעם שיסל און טראגט עס ארויס...

די הייליגע ברידער אטעמען אפ. יעצט זענען זיי פריי אנצוגיין מיט זייער הייליגע עבודה אן קיין שטער.

# שכינה הק', וואס איז עס? (א)

## וואס מיינט 'קוב"ה', 'שכינתיה', און וואס מיינט אז מ'איז זיי 'מייחד'? האט עס עפעס מיט 'גלות השכינה'? און 'השראת השכינה'?

## שאלה:

אין די יעצטיגע וואכן הערט מען אסאך ארומרעדן איבער 'גלות השכינה' און 'צער שכינה'. כאטש כ'האב שוין אמאל געהערט פארשידענע פשטים דערויף, בין איך נאר צומישט פון אזוי פיל ווערטער און הסברים וואס כ'האב אנגעהערט. וואס מיינט 'שכינה'? לכאורה איז עס דאך א כינוי אויפן אויבערשטן. דעמאלטס פארוואס צומאל נוצט מען עס אנבאלאנגט כלל ישראל? צומאל טרעפן מיר אז אידן הייסן 'בני השכינה', און צומאל זענען זיי 'שושביני השכינה'? וואס באדייט 'השראת השכינה'? אזוי אויך פארקערט, וואס איז 'גלות השכינה'? נאך מער: פאר יעדע מצוה זאגן מיר 'לשם יחוד קוב"ה ושכינתיה'. דאס איז שוין נאך א זאך א 'יחוד' צווישן 'הקב"ה' און די 'שכינה'. וואס מיינט דאס?

בקיצור: אסאך סארטן ווערטער אן קיין קלארקייט. אפשר קען מען מיר עס מער מסביר זיין?

## תשובה:

לאמיר פרובירן דורכצוטון יעדער באגריף באזונדער מיט א סדר און אויפן שפיץ גאפל, און אזוי באקומען א שטיקל קלארקייט דערין בעז"ה:

### וואס מיינט 'שכינה'?

**'שכינה' באדייט - השי"ת ווי ער ווערט נתגלה און די נבראים.** השי"ת איז מחיה און מהווה די גאנצע בריאה 'יש מאין', קיין שום זאך קען נישט עקזיסטירן אן אור ה' וואס איז עס מחיה. אט דער אור אלקי וואס איז מחיה די בריאה - הייסט 'שכינה'. פארוואס 'שכינה'? ווייל דאס איז פשוט עברי-טייטש: השי"ת איז 'שוכן', ער רוהט און געפונט זיך אין אלע עולמות.

**לאמיר געבן א ביישפיל:** יעדער מענטש האט א 'נפש רוחנית' וואס באלעבט זיין 'גוף' און געפונט זיך אין יעדע ריר וואס ער טוט. א ראיה האסטו, ווייל ווען דער נפש פארלאזט דעם גוף בלייבט דער מענטש אן קיין לעבהאפט. ס'איז זיין גאנצע חיות. ענליך צו דעם טוט די גאנצע בריאה, הימל און ערד און אלע רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע באשעפענישן וואס געפינען זיך דערויף, שעפן זייער לעבנס-קראפט פון חיות אלקות וואס איז זיי מחיה ומהווה, און אט די חיות הייסט 'שכינה'.

אבער דער אור אלקי איז אומבאגרייפליך מצומצם. למשל א חשוב'ער ראש ישיבה, אן עמקן וואס געבט איבער שיעורים פאר ישיבה קטנה בחורים. ער דארף זיך מורא'דיג איינצוימען צו וויפיל זיינע יונגע בחורים'לעך זענען אומשטאנד צו פארשטיין. ער קען ניטאמאל אנהייבן איבערגעבן זיינע טיפזיניגע חידושים, ער מוז מסביר זיין פשוט פשט פון גמרא לויט זייערע מאגערע השגות. פארשטייט זיך אז מ'קען נישט זאגן אז דער ראש ישיבה בכבודו ובעצמו שטייט פאר זיינע בחורים, נאר דא שטייט א נישטיגע שטראל פונעם ראש ישיבה, צוגעפאסט לויט יעדן תלמיד.

אזוי אויך דער אור אלוקי איז אנדערש פון איין נברא צום צווייטן, געוואנדן אין וואספארא 'כלים' ער פארמאגט. די העכערע עולמות זענען זוכה צו א גרעסערע אור פון השגת אלקות. פונקט ווי דער ראש ישיבה וואס איז מסביר די סברא פאר יעדער בחור לויט זיין השגה.

### וואס מיינט 'גלות השכינה'?

וויאזוי קען זיך די שכינה געפינען אין גלות? דער ענטפער איז ווי געזאגט, השי"ת איז מחיה ומהווה יעדע זאך לויט זיין דרגה, אבער צומאל טוט נישט דער נברא אנערקענען ווער ס'איז אים מחיה און מהווה, ער רעדט זיך איין אז ער קען אליינס עקזיסטירן אויף די וועלט אויך אן חיות ה'. ס'איז ווי גלייך דער תלמיד זאל אפלייקענען אז זיין ראש ישיבה איז דער וואס האט אים אויסגעלערנט דעם דבר שכל, און אנשטאט שטעלט זיך דער בחור אהער ווי א חכם וואס קען זיך אליינס אויס.

**דאס ווערט אנגערופן 'גלות'.** די באדייט פון גלות איז ווען א מענטש געפונט זיך נישט אויף זיין פאסיגע מקום און האט נישט די יכולות זיך נאטורליך אויסצודריקן, היות ער געפונט זיך אונטער א צווייטנ'ס קאנטראל. די זעלבע איז ווען א נברא איז נישט מודה אין די חיות ה' וואס איז אין אים, דעמאלטס איז די חיות ה' אין גלות כביכול. און נישט נאר דאס, נאר די שכינה אליינס איז די וואס געבט נאכאנאנד דאס חיות פאר דעם כח וואס זוכט זיך צו קעגנשטעלן און אפלייקענען אט דעם חיות ה'. א נברא האט נישט קיין שום חיות אויסער פון אויבערשטן, אזוי אז נאר מיט די חיות ה' איז דער נברא בכח צו זאגן 'כוחי ועוצם ידי'. דאס איז די נידריגסטע שטאפל פון גלות צו וואס די שכינה קען אראפנידערן. ווען זי אליין טוט מחיה ומהווה זיין אירע קעגנער!

### ווער זענען 'בני השכינה'?

כלל ישראל זענען 'בני השכינה', אזויווי ס'שטייט "בנים אתם לה' אלוקיכם". אין זוהר הק' ווערט די שכינה הקדושה באטיטלט אלס 'כנסת ישראל', וויבאלד די שכינה איז דער שורש פון נשמות ישראל. און יעדער איינציגער איד איז א באליבט קינד פון אויבערשטן.

**פרעגט זיך די שאלה:** מיט וואס זענען נשמות ישראל אנדערש פון אלע אנדערע נבראים, מיר האבן דאך ערקלערט אז אלע נבראים ציען חיות נאר פון חיות אלקות? דער ענטפער איז, אז אלע אנדערע נבראים זענען באשאפן געווארן אזוי אז זיי זאלן אויסדריקן זייער אייגענע מציאות, א מציאות פון הסתרה. ווידעראום נשמות ישראל האבן נישט קיין הסתרה, זיי האבן נישט קיין שום אייגענע רצונות, נאר די גאנצע רצון פון א נשמה איז 'לעשות רצונך', אנטפלעקן איר אמת'ע מציאות, די מציאות פון דעם איין איינציגער באשעפער און גארנישט אויסער דעם!

אויף דעם ארויף ווערן זיי אנגערופן 'בני השכינה'. פונקט ווי א קינד וועמענ'ס אייגענע מציאות דריקט אויס זיין פאטער'ס מציאות, און זיינע אלע כוחות און אייגנשאפטן דריקן אויס זיין פאטער, אזוי אויך נשמות ישראל. זייערע אלע כוחות זענען געטליכע כוחות, זיי זענען מגלה אלוקותו ית' אויפן שטערקסטן פארנעם וואס איז שייך. **אין איין ווארט:** כלל ישראל איז מגלה די שכינה אויף דער וועלט.

### וואס מיינט 'גאולת השכינה'?

ווען א איד איז ריכטיג מגלה זיין נשמה, וואס דאס געשעט דורך אמונה אין אויבערשטן, זיך מבטל זיין פארן אויבערשטן און דורך געפילן פון אהבת און יראת ה', איז ער אויך מגלה און לייכט אויף זיין נשמה אין אלע חלקי העולם וואס געהערן צו זיין שורש נשמה, (ווייל וויבאלד די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן נאר בשביל ישראל, וואס 'ישראל' איז צוטיילט אויף שישים רבוא שרשי נשמות, און יעדע נשמה אויף פיל פרטים און פרטי פרטים, קומט אויס אז יעדע איינציגע נשמה ברענגט חיות פאר געוויסע חלקים אין אלע עולמות וואס זענען פון איר שורש, און זענען אנגעהאנגען אין איר עבודה, און ער איז פאראנטווארטליך זיי צו מתקן זיין און באלייכטן), **און דערביי טוט ער 'אויסלייזן' די שכינה פון איר גלות,** ער איז מגלה אז מציאות ה' געפונט זיך אין אלע נבראים אויך אויף אונזער עולם הגשמי. אויב די שכינה איז ביז יעצט געווען פארדעקט און אין גלות, איז זי אצינד ארויס לאור עולם.

אבער ס'איז פארהאן א העכערע מדריגה פון 'גאולת השכינה', וואס דאס איז 'יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה'. אבער כדי דאס צו פארשטיין דארף מען צוערשט מסביר זיין דעם ענין פון 'קודשא בריך הוא'.

### וואס איז פשוט פשט פון 'קודשא בריך הוא'?

די דרגה פון 'שכינה' האבן מיר ערקלערט אז עס איז דער אור אלקי וואס רוהט און איז צוגעפאסט צו די נבראים. אבער דער אמת איז אז השי"ת איז 'אין סוף', אזוי אז אויך זיין אור און השפעה איז אין סוף און איז גרעסער ווי דאס וואס רוהט אין די נבראים. דעם 'אור אין סוף' קען קיין שום נברא - ווי הייליג און גרויס זאל ער נאר זיין - פארנעמען **אט דער פילפאכיג גרעסערער אור ווערט אנגערופן 'קודשא בריך הוא'.** 'קדוש' איז טייטש דערהויבן, ווייט און אפגעשיידט פון יעדע השגה אדער מדריגה, ווי השי"ת איז זיך מגלה מיט זיין דערהויבנקייט אזוי ווי ער איז, העכער יעדע דרגה פון נבראים. וואס לקרב אל השכל וועלן מיר נוצן ביישפיל מיטן ראש ישיבה, ווען ער געבט איבער זיינע טיפזיניגע חידושים אויף א פארנעם צו וואס זיינע תלמידים האבן נישט קיין אהנונג.

וואס א שייכות קענען אויב אזוי אונז נבראים האבן מיט אזא אומבאגרייפליכער אור? אוואו און דורך וואס איז זיך דער אור פון 'קודשא בריך הוא' יא מגלה? דורך **תורה הקדושה** - וואס איז חכמתו ית', און **מצוות הקדושות** - וואס זענען רצונו ית'. דער אויבערשטער איז 'אחד' 'באחדות פשוטה'.

**וואס דאס מיינט בתכלית הקיצור:** אז להבדיל ביי א נברא למשל א מענטש, כאטש ער איז טאקע 'איין' מענטש, איז ער אבער 'אחדות המורכב' ער איז צומענגעשטעלט פון אסאך פרטים, גוף נפש און נשמה, אין זיין גוף אליין איז דא ביינער הויט און פלייש א. א. וו. ער פארמאגט אויך שכל און געפילן, ידיעות און השגות, כסדר האלט ער אין איין קויפן נאך שכל און באגריפן און אויך נאכאנאנד פארלירט ער כוחות און ידיעות, ד. מ. אז 'ער' און זיין 'רצון' און זיין 'חכמה', זענען נישט פאראייניגט, און דעריבער קען ער טראכטן זאכן וואס זענען פיל הייליגער פון אים, אדער טראכטן און וועלן זאכן וואס זענען נידריגער פון זיין מדריגה, להבדיל ביים אויבערשטן איז אלעס מאוחד מיט אים באמת, ווייל קיין שום זאך דארף מען נישט און מ'קען נישט צולייגן צו דעם 'שלם האמת', וואס איז נישט שייך ביי אים אז ער איז געווארן מער קלוג, ווייל אויב איז נאר דא עפעס קלוגשאפט אדער סיי וועלכע מעלה האט ער עס שוין מלכתחילה בשלמות, וויל ער איז דער מקור פון אלע מעלות און שלמות'ן איבעראל. אויז אזוי פארשטייט מען אז וויבאלד ער איז דאך 'אין סוף' מוז זיין אז זיין 'חכמה' און 'רצון' איז אויך 'אין סוף', וויל ער איז א חלק און ממש פאראייניגט מיט אים כביכול.

אזוי אז ער, זיין 'חכמה' און זיין 'רצון' זענען אלץ איינס, און דערפאר טוט זיך דער אויבערשטער אליינס געפינען אין תורה הק' און מצוות כביכול! און נאך העכער פון די דרגה פון נבראים! אויף א מדריגה פון 'אין סוף'!

**וואס מיינט 'יחוד קוב"ה ושכינתיה'? ווער קען עס צוברענגען און וויאזוי, בע"ה אינעם קומענדיגן גליון.**



**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות**
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין בארא פארק: 347.520.8743
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483